STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01411

DI IYOV-DRAME

F. Roberts

Permanent preservation of this book was made possible
by Rebecca Berman
in honor of
a future generation who will read this

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. ראָבערטס

די

איוב־דראַמע

THE

Drama of Job

by

F. Roberts

Frontispiece

by

Marion M. Roberts

110084
Sep. 13. '28
yR 541
cop.1
HOLYOKE PUBLIC LIBRARY

Published and copyright 1927
by F. Roberts

F. Roberts

Dedicated To
My Family

אינהאַלט

אַ וואָרט צום לעזער — 7

אַן איבערבליק איבער איוב:

I. — די פאַרפאַסונג פון איוב — 13

II. — איוב אַלס אַ דראַמע — 17

III. — די העלדען פון דער איוב־דראַמע — 22

די איוב־דראַמע אין פינף סצענען — 29

פערל פון איוב:

I. — איוב׳ס קלאַגע — 45

II. — דער מענש — 47

III. — גענוג פאַרטראָגען האָב איך שפּאַט — 49

IV. — עס ציטערט אויף מיין פלייש און בלוט 51

V. — וואו איז גאָט? — 54

VI. — עס קומען אָן די שלעכטע מענשען — 55

VII. — צו איוב׳ן — 58

VIII. — איוב׳ס ענטפער — 60

IX. — די חכמה — 62

X. — אָה יענע צייט וואו נעהם איך איצט? — 65

XI. — די שבועה — 68

XII. — עס ציטערט אויף מיין האַרץ און שפּרינגט 71

גאָט׳ס ענטפער דורכ׳ן שטורם — 75

HOLYOKE
PUBLIC
LIBRARY

אַ וואָרט צום לעזער

דער דאָזיגער ווערק איז אַ טייל פון מיין פּאָעטישע איבערזעצונג פון גאַנץ איוב. אויב ער וועט גינסטיג אויפגענומען ווערען ביים ווערטהען פּובליקום, וועט עס מיר געבען מוטה דעם גאַנצען ספר צו פאַר־עפענטליכען.

דער צוועק פון מיין פּאָעטישע איבערזעצונג פון איוב איז צו פאַראינטערעסירען דעם עולם צו שטו־דירען דיזען געטליכען ספר. עס איז ביי אונז אַ מנהג אַז תהלים און איוב „זאָגט" מען. מען זאָגט תהלים אין אַן עת צרה און ביי אַן אבל זאָגט מען איוב, און אזוי ווי א בלינדער געהט דורך אַ גאָרטען וואו עס וואַקסען די שעהנסטע בלומען און באמערקט זיי ניט, אזוי זאָגען אויך דורך די מעהרסטע פון אונזער עולם גאַנצע קאַפּיטלאך פון תהלים און איוב און באמערקען ניט די ערהאבענע געדאַנקען און די זיסע פּאָעזיע, וועלכע זיינען פאַרוויקעלט כמעט אין יעדען פסוק פון די קאַפּיטלאך וועלכע זיי האָבען דורכגעזאָגט.

איוב איז אַ גאַנץ אַלטער ספר, פּילייכט העכער דריי טויזענד יאָהר אַלט, געשריבען אין דעם אַלטען העברעאישען דיאַלעקט און אין אַ הויכען פּאָעטישען סטיל, עס איז דארום קיין וואונדער דאָס פילע זאַצען אין איוב זיינען פאַר אונז טונקעל, וועלכע פילע מפרשים מאַטערן זיך צו ערקלערען, יעדער נאָך זיין

אייגענעם געשמאַק, און וועלכע זיינען זיכער געווען גאַנץ פאַרשטענדליך אין יענער צייט ווען זיי זיינען געשריבען געוואָרען.

ווען מען גיט איבער די דאָזיגע טונקעלע זאַצען ווערטערליך אין אַ מאָדערנער שפּראַך, פאַרבלייבען זיי אזוי טונקעל ווי אין אָריגינאַל, וועהרענד אין א פרייערע פּאָעטישע איבערזעצונג ווערט דער געדאַנק פון דעם זאַץ פרייער אנטוויקעלט און דאַן ווערען אויך די ווערטער בעסער פאַרשטאַנען.

נעמט, צום ביישפּיל, אַן אויסצוג פון איוב, קאַפּ. ט"ז :

ארץ אל-תכסי דמי
ואַל יהי מקום לזעקתי
גם עתה הנה-בשמים עדי
ושהדי במרומים :

מליצי רעי
אל-אלוה דלפה עיני :
ויוכח לגבר עם-אלוה
ובן-אָדם לרעהו

און זעהט ווי לייכט עס ווערט ערקלערט דורך א פּאָעטישע איבערזעצונג :

אה ערד! — מיין בלוט זאָלסט ניט פארהילען
און מיין געשריי זאָלסט ניט פארשטילען,
ווייל זיי אין הימעל דרינגען איין
וועל'ן זיי פאַר מיר דאָך עדות זיין.

צי קענען מיינע פריינד מיך רעטען? —
ביי גאָט וואָלט איך זיך נאָר געבעטען,
איז אָבער ער אַ מענש ווי איך
איך אויסטענה'ען מיט איהם זאָל זיך?

תהלים איז שוין איינינגער מאסען איבערזעצט געוואָרען, אָבער ניט איין קאַפּיטעל איוב איז נאָך ביז יעצט פּאָעטיש איבערזעצט געוואָרען. איך האָב מיר דארום אונטערגענומען איבערצוזעצען איוב אין פּאָעזיע און ס'איז מיר געלונגען אין גאַנצען איבערצוזעצען.

ווי געזאָגט איז דער דאָזיגער ווערק נאָר א טייל פון מיין גאַנצע איבערזעצונג. איך האָף אָבער אז ער וועט זיין גענוג צו פאַראינטערעסירען דעם אינטעלי־גענטען לעזער צו שטודירען דעם וואונדערליכען ספר איוב, וועלכער איז פארגעטערט אין דער גאַנצער וועלט.

אם שלום וועל איך צוגעבען דאָס איך וועל מיט ליבשאַפט אָננעמען יעדע ערנסטע קריטיק. איך האָף אָבער דאָס די ווערטהע קריטיקער וועלען מיר ניט טאַדלען פאר'ן געברויכען אַ ריינעם אידיש. דער באַ־

וואוסטער אידישער קריטיקער ש. ניגער דריקט זיך אוים אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען:

„אזוי ווי אויף קיין שפּראַך קען מען ניט שרייבען פּונקט אזוי ווי מען רעדט, קען מען דאָס ניט טאָן אויך אויף אידיש. די גערעדטע שפּראַך האָט אן אָרטיגע פאַרב, בעת שרייבען שרייבט מען פאר אַלעמען. איך רעד שוין ניט פון דעם, וואָס ווען מען שרייבט, קאָן מען זיך בעסער קאָנטראָלירען ווי ווען מען רעדט און מען מוז זיין דאַן מעהר אָבגעהיט, געברויכען א ריינערן לשון.“

ובפרט פאר די איבערזעצונג פון אזא פּאָעטישען ווערק ווי איוב דאַרף מען געווים געברויכן אַ ריינערע שפּראַך, אָבוואָל זי האַרמאָנירט ניט אינגאַנצען מיט דעם לשון ווי מען רעדט איהם אין גאַס.

מיט פיל אַכטונג,

פ. ראָבערטס.

האָליאָק, מאַסס.

אן איבערבליק איבער איזב

I.

די פאַרפאַסונג פון איוב

די גאַנצע וועלט גיט צו דאָס אַזאַ דראַמאַטיש ווערק ווי איוב מיט זיין טיפע פילאָזאָפיע איבער גאָט און מענשהייט, מיט זיינע בריליאַנטענע געדאַנקען און הויכע פּאָעזיע, האָט נאָך קיין מענש ביז יעצט פאַר־פאַסט.

האָבען די העלדען פון דיזער דראַמע ווירקליך עקזיסטירט, אָדער זיינען זיי נאָר אַ שאַפונג פון דעם פאַרפאַסער׳ס פאַנטאַזיע? אין וועלכער צייט איז דיזע געטליכע ווערק געשריבען געוואָרען? ווער איז געווען יענער גרויסער פילאָזאָף וואָס האָט פאַרפאַסט דיזע מערקווירדיגע דראַמע?

דאָס זיינען פראַגען וועלכע זיינען שוין אין די אַלטע צייטען געפרעגט געוואָרען און ניט פאַרענטפערט געוואָרען.

אין תלמוד בבא בתרא, דף ט״ו, דעבאַטירען פילע תנאים איבער דיזע פראַגען. זיי גיבען אָן זייערע מיי־נונגען, געשטיצט אויף פאַרשידענע פסוקים פון תנ״ך ווי פאָלגט:

ר׳ אליעזר אומר איוב בימי שפוט השופטים היה.

ר׳ יהושע בן קרחה אומר איוב בימי אחשורוש היה.

יש אומרים איוב בימי יעקב היה.

ההוא מדרבנן דריקט זיך אוים: איוב לא היה ולא נברא, אלא משל היה.

אויף דעם פרעגט איהם ר' שמואל בר נחמוני: זאָגט דען ניט דער פסוק „איש היה מארץ עוץ", און אויב איוב האָט ווירקליך ניט עקזיסטירט, צו וואָס דאַרף דער פסוק נאָך דערמאָנען זיין לאַנד?

רב האי גאון ערקלערט די ווערטער פון ההוא מדרבנן ווי פאָלגט:

איוב לא היה ולא נברא — איוב איז פאַר קיין אַנדער זאַך ניט באַשאַפען געוואָרען נאָר צו זיין אַ משל, ד. ה. אַ מאָדעל פאַר די מענשהייט, זיי זאָלען צו גאָט קיין פּרעטענזיעס ניט האָבען, ווען עס ווערט זיי שלעכט.

ער ברענגט אויך אַ פאַקט דאָס איוב האָט ווירקליך עקזיסטירט פון יחזקאל, קאַפּ. י"ד, וואו איוב ווערט דערמאָנט אַלס איינער פון די דריי צדיקים פון זייער צייט, נעמליך: נח, דניאל און איוב.

מיט דערזעלבער מיינונג איז אויך רש"י, דער אבן עזר"א אויך דער רמב"ם אין „מורה נבוכים חלק שלישי, קאַפּ. כ"ב.

אויך צווישען די קריסטליכע שריפטשטעלער און פילאָזאָפען זיינען אין אַלע צייטען פאַרגעקומען דעבאַ־טען איבער דיזעלבע פראַגען. לוטהער דריקט זיך אוים

אוים ווי רב האי גאון דאָס איוב האָט ווירקליך עקזיס־טירט, אָבער ניט מיט די אַלע איינצלהייטען ווי דער פאַרפאַסער שטעלט איהם פאָר. די קאַטוילישע גלחים, וועלכע האָבען געזוכט צו אַטאַקירען לוטהערן׳ן פאַר יעדע קליינינקייט, האָבען איהם פאַר אַזעלכע פרייע געדאַנקען אריינגעבראַכט אין חרם, געוועהנליך האָט דאָס לוטהערן׳ן ווייניג געקימערט.

איבער דער פראַגע, ווער עס איז געוועזען דער פאַר־פאַסער פון איוב און איבער די צייט ווען איוב איז געשריבען געוואָרען, דריקט זיך אוים דער תלמוד אין בבא בתרא: משה כתב ספרו ופרשת בלעם ואיוב.

אויך אַ באַוואוסטער פראָפעסאָר מיט דעם נאָמען דזש. ד. מיכאַעלים, וועלכער האָט געלעבט אין 17־טען יאָהרהונדערט, דריקט זיך אוים אין זיין באַריהמטען ווערק, „מאָזאַאישעס רעכט“, אַזוי ווי דער תלמוד, דאָס קיין אַנדערער נאָר אַזאַ זשעניע ווי משה האָט געקענט פאַרפאַסען אַזאַ געטליכען ספר. ער גיט אויך צו זיין מיינונג דאָס משה האָט געשריבען דעם ספר איוב ווען ער האָט פאַרבראַכט אין מדין.

און דאָס לייגט זיך אויפ׳ן שכל:

משה, דער גרויסער אידישער פאַטריאָט, וואָס האָט געזעהן מיט זיינע אויגען די צרות און די ענוים וואָס די אידען זיינען אויסגעשטאַנען אין מצרים, און אַליין האָט ער אויך געמוזט אַנטלויפען צוליב זיין גרויסע ליבע צו זיין פאָלק, האָט זיך געווים געשטעלט די

פראגע: ווארום טוט גאָט אַזויפיל שלעכטס די אידען, וועלכע שטאַמען פון אברהם, יצחק און יעקב, און טוט אַזויפיל גוטעס די נאַציאָנען וועלכע שטאַמען פון עשו? קען דען זיין דאָס עס עקזיסטירט קיין השגחה אויף דער וועלט? איז דען פאַר גוטע טאַטען און שלעכטע טאַטען קיין שכר ועונש ניטאָ? און זייענדיג אין מדין, וואו ער האָט געפיטערט יתרו'ס שאָף אין דער מדבר, זיצענדיג דאָרט אַליין אונטער די הייסע שטראַלען פון דער זון, וואו די געדאַנקען און פאַנטאַזיע פון יעדען געוועהנליכען מענשען ווערען ברייט אַנטוויקעלט, און בפרט ביי אַזאַ זשעני ווי משה איז געווען, האָט ער דאָרט באַשריבען זיינע הויכע פילאָזאָפישע געדאַנקען איבער שכר ועונש אין די שעהנסטע פּאָעזיע אין פאָרם פון אַ דעבאַטע.

עס קען זיין דאָס אין יענער צייט האָט אין לאַנד עוץ, וועלכעס איז ניט ווייט פון מדין, געלעבט אַ באַוואוסטער צדיק מיט'ן נאָמען איוב, וועלכער איז געווען דער רייכסטער אין גאַנץ מאָרגענלאַנד. און דיזער צדיק איז פלוצלינג פאַראַרימט געוואָרען און געפּלאָגט געוואָרען מיט די שלעכטע צרעת, מיט וועלכע די אָריענטאַלען ווערען אָפט געפּלאָגט, און דאָך איז דיזער צדיק פאַרבליבען פרום און גאָטעספּירכטיג ביז זיין לעצטען אָטעם צוג. און דיזען צדיק האָט משה גענומען אַלס מוסטער צו זיין דראַמע.

אַם ענדע וויל איך דאָ ברענגען אַ ציטאַטע פון

דר. שמריהו לעווין אין זיין ווערק „אין די מלחמה צייטען“, ערשטער טייל, ארטיקעל „ווי געשיכטע ווערט געמאכט“:

„ווען די גמרא זאָגט דאָס איוב האָט גאָר ניט געלעבט און די גאַנצע מעשה איז ניט מעהר ווי א משל — פאַרלירען מיר גאָר ניט. דער ספר איוב איז וויכטיגער אַלס איוב די פּערזאָן. אפשר איז דאָס גאָר א געווינס: קיינער האָט ניט גע־ליטען, קיינער האָט זיך ניט געקראַצט, קינדער זיינען ניט געשטאָרבען, אפילו די עזעל זיינען גאַנץ געבליבען, און אין סך־הכל — אַזאַ פּראַכט ווערק, אַזאַ געטליכער ספר!“

II.

איוב אַלס אַ דראַמע

איוב אַלס אַ דראַמע ווערט צוטיילט אין פינף אַקטען.

ערשטער אַקט — דער פּראָלאָג אין פינף סצענען, קאַפּ. א—ב.

צווייטער אַקט — אין דריי אויפטריטע:

ערשטער אויפטריט, קאַפּ. ד—י״ד.

צווייטער אויפטריט, קאַפּ. ט״ו—כ״א.

דריטער אויפטריט, קאַפּ. כ״ב־ל״א.

דריטער אַקט — אליהו׳ס ענטפער, קאַפּ. ל״ב־ל״ז.
פערטער אַקט — גאָט׳ס ענטפער דורכ׳ן שטורם, קאַפּ. ל״ח־מ״א.
פינפטער אַקט — דער עפּילאָג, קאַפּ. מ״ב.
דער ציל פון דער דראַמע איז קלאָרער און ברייטער צו אַנטוויקלען די אַלטע פראַגען וועלכע בלייבען אימער ניי, נעמליך, איבער דעם באַצוג פון גאָט צום מענשען, איבער זיין השגחה און שכר ועונש.
משה רבינו בעט זיך: הודיעני נא את דרכיך.
ירמיהו קלאָגט: מדוע דרך רשעים צלחה.
חבקוק פרעגט:

דו ביזט דאָך אַזוי ריין און גוט,
דו קענסט ניט זעהן ווי מ׳שלעכטעס טוט,
וואָרום, אָה גאָט, שווייגסט, קוקסט זיך איין
ווי דער רשע שלינגט דעם צדיק איין?
(חבקוק א׳ פסוק י״ג)

אום דיזע פראַגען צו אַנטוויקלען אין אַ פאָרם פון אַ דעבאַטע, באַשאַפט דער פאַרפאַסער העלדען, וועלכע טרעטען אַרויס אין אַן אָפענער דיסקוסיע.
אין דער ערשטער סצענע פון פּראָלאָג שטעלט ער פאָר אַ מאַן מיט׳ן נאָמען איוב. ער איז דער רייכסטער, פרומסטער און געאַכטעסטער אין גאַנצען מאָרגענלאַנד, ער לעבט אַ גליקליכען לעבען אַרומגערינגעלט מיט אַ ליבע פאַמיליע.

די צווייטע סצענע שטעלט זיך פאר אויפ׳ן הימעל וואו דער שטן קומט אפגעבען א באריכט פאר גאט פון אלעס וואס ער האט געזעהן אויף זיין רייזע איבער דער מענשען־וועלט, און באקומט ערלויבניש פון גאט איוב׳ן צו פרובירען.

אין דער דריטער סצענע ווערט איוב פאראַרימט. די הויז וואו זיינע קינדער פארברענגען זיך ביי א גוטען מאלצייט, ווערט פון א שטורם־ווינד פארניכטעט צוזאמען מיט זיינע קינדער. הייל, נאקעט און עלענד פארבלייבט איוב, און דאך פארבלייבט ער גאנץ מיט גאט. ער האט דעם נסיון אויסגעהאלטען.

די פערטע סצענע שטעלט זיך ווידער פאר אויפ׳ן הימעל, וואו דער שטן באקומט ווידער ערלויבניש פון גאט צו פרובירען איוב׳ן.

אין דער פינפטער סצענע ווערט איוב געפלאגט מיט שלעכטע צרעת. ער ליגט אין אשעס און ליידעט אומערטרעגליכע שמערצען. זיין פרוי, ניט קענענדיג מעהר צוזעהן זיינע שמערצען, ראטה איהם ער זאל לעסטערען גאט און שטארבען, אבער איוב ענטפערט איהר: אויב מיר נעמען פון גאט פריידען, דארפען מיר אויך פון איהם נעמען ליידען.

זיינע דריי פריינד קומען פון דער ווייט איהם צו טרייסטען, אבער דערזעהענדיג איהם אין אזעלכע ליי־דען, צורייסען זיי זייערע קליידער און זעצען זיך אויף

דער ערד נעבען איהם אין טרויער זיבען טעג און זיבען נעכט און רעדען צו איהם ניט קיין וואָרט. געריהרט פון דיזע טרויעריגע שטילקייט פאַרלירט איוב זיין זעלבסטבאַהערשונג און ברעכט אויס אין אַ העפטיגען קלאָג. ער שילט דעם טאָג פון זיין געבורט און בעט גאָט ער זאָל איהם באַפרייען דורכ'ן טויט.

יעצט שטעלט זיך די פראַגע: ווארום שטראָפט גאָט דיזען צדיק? וואָס האָט ער צו איהם וואָס ער פּלאָגט איהם אַזוי שרעקליך.

ווארום פּלאָגט ער דיזען צדיק און פילע אַנדערע צדיקים, ווערענד ער לאָזט געניסען די רשעים פון אַלעם גוטעס אויף דער וועלט? דער פּראָפעסער אַליין ווייס די ריכטיגע אורזאַך, נעמליך: גאָט פּרובירט דעם צדיק און דורך זיין פּראָבע ווערט דער צדיק נאָך מעהר אויסגעלייטערט, ווי ער שילדערט דורך אליהו אין קאַפּ. ל"ג:

זיין זעעל פון גרוב אום צו פאַרמיידען
פון שווערד דער מענש זאָל מעהר ניט ליידען.
אויסלייטערט גאָט דורך שמערץ איהם ריין:
ער וועהטאָגט אויף זיין גאַנץ געביין

א. אז. וו.

און ווען דער מענש ווערט גענצליך אויסגעלייטערט —

דאַן מיט געזאַנג, יובילעאום
קערט גאָט גערעכטיגקייט איהם אום.

דארום שטעלט דער פּאַרפאַסער פאַר די צוויי הימלישע סעצנען, וואו גאָט ערלויבט דעם שטן איוב׳ן צו פּרובירען.

אָבער איוב׳ס פריינד (און מיט זיי אויך דאָס רב מענשען) פאַרשטעהען ניט גאָט׳ס טאַטען און זיי דענקען דאָס איוב איז דערפאַר באַשטראָפט געוואָרען, ווייל ער האָט געזינדיגט און דער איינציגער מיטעל ער זאָל געהאָלפען ווערען איז ער זאָל טאָן תשובה און בעטען גאָט ער זאָל איהם מוחל זיין.

איוב אַליין ווייסט אויך ניט די ריכטיגע אורזאַך וואָרום ער איז געשטראָפט געוואָרען און זייענדיג אין פול באַוואוסטזיין, דאָס ער איז ריין פון זינד, איז ער ביי זיך זיכער, דאָס גאָט פּלאָגט איהם גאַנץ אומזיסט, ווי ער רופט צו גאָט אין קאַפּ. י׳:

וואָרום באַשטראָפסט מיר מיט דיין רוט
און צו די זינדיגע ביזט גוט
זאָגאַר דו ווייסט דאָס איך בין ריין
און דאָך פאַרלינדערסט ניט מיין פיין.

נאָר איינמאָל שטויסט זיך איוב אָן דאָס פּיליכט פּרובירט איהם גאָט, נעמליך אין קאַפּ. כ״ג, י״ב:

אָה, אויב ער ווייס מיין וועג, מיין געהן
און מיך פּרובירט — ווי גאָלד דאָך ריין
בלייב איך, ווייל איך געה אין זיין שריט
און זיין געבאָט איך טריי אָפּהיט.

אָבער ווי איהר זעהט איז דאָס ביי איהם קיין געוויסהייט. און דאָ הויבט זיך אָן דער צווייטער אַקט, די דעבאַטע פון איוב׳ן מיט זיינע חברים.

דריי מאָל טרעטען זיי אויף אין אַ צירקעל און יעדער מאָל ווערט אַלץ די דעבאַטע וואַרימער און היציגער, ביז אָם ענדע קומט איוב אַרויס דער זיגער.

III.

די העלדען פון דער איוב דראַמע

די הויפּט ראָלע שפּילט איוב. פון זיין מויל שיטען זיך פּערלדיגע געדאַנקען, בריליאַנטענע פילאָזאָפיע און ביטערער סאַרקאַזם. זיינע טענות זיינען באַלעהרענד, זיינע אַנטוואָרטען געוואַלדיג שטאַרק. ווען ער ווערט אויפגערעגט אויף זיינע חברים, ווארום זיי באַשולדיגען איהם אנשטאַט איהם צו טרייסטען, פאַרגלייכט ער זיי צו יענע פאַלשע טייכען, וועלכע באַווייזען זיך אָפט אין אָריענט נאָך אַ שלאַקס־רעגען און פאַרשווינדען. ווען ער וויל זיי אויפצייגען דאָס ער ווייס אָהן זיי אויך די גרויסקייט פון גאָט, מאָלט ער ערהאַבענע בילדער פון גאָט. ווען זיינע ליידען רעגען איהם אויף, טרעט ער אַרויס געגען גאָט מיט שטאַרקע טענות און ביטערן סאַרקאַזם, ווען ער ווערט עטוואָס באַרוהיגט און פיהלט דאָס ער האָט צו דרייסט גערעדט צו גאָט, קומט ער

צו איהם מיט אַ געבעט, אָבער זיין געבעט איז ניט ווי איינער בעט מחילה אויף זיינע זינד, נאָר מיט אַ געוועכטע טענה:

מיך האָבען דיינע הענד געמאַכט,
מיך האָסטו אויף דער וועלט געבראַכט
ווי ליים האָסטו מיר אויסגעברייט,
מיט הויט און ביינער מיך באַקליידט
און פון דיין גייסט און פון דיין לעבען
האָסטו דאָך מיר אַ טייל געגעבען,
ווארום ביזטו יעצט אַזוי געוועהן
צוריק צום שטויב מיך אומצוקערען?
(קאַפּ. י׳).

אליפז איז דער אָנפירער פון דער דעבאַטע, אין אַלע דריי אויפטריטע קומט ער ארויס מיט די ערשטע רעדע.

זיין ערשטע רעדע אין זיין ערשטען אויפטריט, וואָס באַשטעהט פון קאַפּ ד׳ און ה׳ איז אַ מייסטער־האַפטע. ווי מיר ווייסען זיינען די דריי איוב׳ס חברים איבערצייגט דאָס איוב ליידעט נאָר דערפאַר ווייל ער איז זינדיג, און זיין איינציגער מיטעל צוריק אויפגע־ריכט צו ווערען איז צו טאָן תשובה און בעטען מחילה ביי גאָט. ווי קען מען עס אָבער דיזען אומגליקליכען אָפען ארויסזאָגען? דארום איז אליפז זעהר פאָר־זיכטיג אין זיין ערשטע רעדע. ער רעדט מיט אַ

רמזים שפּראַך, ער דערצעהלט איוב'ן אַז דאָס וואָס ער געהט צו איהם יעצט רעדען איז דאָס צו איהם געקומען ביינאַכט דורך נבואה: —

ביינאַכט ווען שלאָף אויף מענשען פאַלט
האָט זיך באַוויזען אַ געשטאַלט
און איז פאַר מיר געבליבען שטעהן,
ס'האָט אויפגעציטערט מיין געביין.
עס האָבען זיך געשטעלט אַוועק
די האָר ביי מיר פון גרויסען שרעק.
דער גייסט צו מיר איז צוגעקומען
און ריידען שטיל צו מיר גענומען:
קען גערעכטער זיין דער מענש פון גאָט
פון דעם וואָס איהם באַשאַפען האָט?
(קאפּ. ד')

אין זיין צווייטער רעדע אין צווייטען אויפטריט (קאפּ. ט"ו) רעדט שוין אֶליפז פיל מוטיגער, און אין זיין דריטער רעדע, אין דריטען אויפטריט (קאפּ. כ"ב) מוסרט ער איוב'ן גאַנץ אָפען:

ערוויטער זינד פון דיין געצעלט
און וואַרף אין שטויב אַריין דיין געלד,
דיין אופיר גאָלד אין טייך אַריין,
דיין געלד און גאָלד זאָל גאָט נאָר זיין.

נאָר דאַן וועסט וויסען דו פון גוט,
דיין קאָפּ וועסט אויפהויבען מיט מוטה.

בלדד איז דער צווייטער אין דעם אויפטריט. גלייך אין זיין ערשטע רעדע קומט ער ארויס פיל דרייסטער און אָפענער ווי אליפז.

אין דריטען אויפטריט (קאפּ. כ"ה) האָט ער מעהר קיינע אַרגומענטען פאַר איוב'ן פאָרצולייגען, נאָר ער שילדערט פאַר איהם אין קורצע אָבער וואונדערליכע ווערטער די גרויסקייט און ערהאַבענקייט פון גאָט.

צופר באַווייזט זיך נאָר אין די ערשטע צוויי אויפ־טריטע, אין דעם דריטען אויפטריט בלייבט ער הינ־טערשטעליג מיט זיין רעדע, דאָך זיינען די ערשטע צוויי רעדעס זיינע מייסטערהאַפטע.

אין זיין צווייטער רעדע שילדערט ער דעם רשע אזוי:

וועז ער אין מויל די זינד פאַרזוכט,
און זים, געשמאַק זי איז, איהם דוכט,
דאַן אויף זיין צונג ער איהר פאַרהאַלט,
און אין זיין גומען איהר באַהאַלט.
און ס'ווערט די שפּייז וואָס ער דאַן עסט,
פאַרגיפטעט ווי די שלאַנגען פעסט
און ער זיין רויב צוריק ברעכט אויס,
גאָט פון זיין בויך זי רייסט אַרויס.

(קאפּ. כ')

אליהו פארנעמט דעם גאנצען דריטען אקט פון קאפ. ל"ב ביז ל"ח. אזוי ווי אליהו ווערט ניט דער־מאנט אין פראלאג און אויך ניט אין עפילאג, קומען פילע געלעהרטע צום באשלוס, אז א שפעטערער פילא־זאף האט געשריבען די רעדען פון אליהו און זיינען שפעטער אריינגענומען געווארען אין ספר איוב. און ווען מיר זאלען אננעמען דאס דיזע השערה איז ריכטיג, דארפען מיר זיין דאנקבאר דעם יעניגען, וועלכער האט דיזע פערל אריינגענומען אין ספר איוב, ווען ניט וואלטען אויך דיזע פערל פארלוירען געגאנגען ווי פילע אנדערע אידישע ליטעראַרישע פערל זיינען אומ־געקומען און פארגעסען געווארען.

אליהו טרעט ארויס ניט נאר געגען איוב'ן, נאר אויך געגען איוב'ס חברים, וועלכע זיינען ווי פייגלינגע אנטשוויגען געווארען און זיך געלאזען פון איוב'ן באזיגען.

זיין אנזיכט איבער גאט איז זעהר הויך און ער זעהט ניט איין ווי א מענש קען זיך ערוואגען ארויס־צוטרעטען מיט טענות געגען גאט. ער איז מיט דער מיינונג, אז גאט פרובירט דעם צדיק און לייטערט איהם אויס אום איהם נאכהער מיט גערעכטיגקייט צו באקליידען (קאפ. ל"ג), דארום דארף דער צדיק דאנק־באר זיין גאט פאר זיין אויסלייטערען איהם, און ווען זיין צארן ווערט צופלאקערט אויף איוב'ן פאר זיין

פרעכהייט צו גאָט שילט ער איהם דאָס גאָט זאָל איהם נאָכאַנאַנד פּרובירען:

אָה, מענשען קלוגע, מיר צוהערט:
ס'האָבען איוב'ס ווערטער גאָר קיין ווערטה
און ס'איז זיין ענטפער אָהן פאַרשטאַנד,
אָה, גאָט, פּרוביר איהם נאָכאַנאַנד!
(קאפּ. ל"ד)

דער קאפּיטעל ל"ז, וואו אליהו מאָלט א בילד פון דער מאכט און ערהאבענקייט פון גאָט איז א געניאַלע מייסטערווערק.

גאָט'ס ענטפער דורכ'ן שטורם פאַרנעמט דעם פערטען אַקט. גאָט באשולדיגט ניט איוב'ן אין קיינע זינד, ווייל, ווי מיר ווייסען פון פּראָלאָג, ווייסט דאָך גאָט דאָס איוב איז אומשולדיג, ער קומט איהם נאָר באַלעהרען. ער מאָלט פאר איהם פּרעכטיגע בילדער פון נאַטור און פרעגט איהם אויב ער איז אימשטאַנד אַזעלכעס צו באשאַפען, אָדער אָם וויינינגסטען צו באַגרייפען. און וואָס קען ווירקליך א מענש ענטפערען אויף אַזעלכע געטליכע פראַגען:

גורט זיך אָן, מענש, ווי א מאַן
און זאָג: געוועז וואו ביזטו דאַן
ווען כ'האָב געגרינדעט ערד און לאַנד? —
ענטפער אויב דו האָסט פאַרשטאַנד!

זעהר שעהן און ערהאבען זיינען די בילדער, וועלכע גאָט מאָלט פאר איוב'ן פון די שעהנע, גרויסע און מעכטיגע באַשעפענישען וועלכע ער האָט באַשאַפען אויף דער ערד און אין מעער.

פון דעם ערהאבענעם בילד וועלכען ער מאָלט פון לויתן (וואַלפיש) ווערט גאָט זעלבסט אנטציקט, און ווען ער רופט אויס:

אין געגען מיר ווער קען באַשטעהן?
ווער רעכענונג בעטען קען פון מיר?
— די גאַנצע וועלט דאָך ג'הערט צו מיר.
(קאפּ. מ"א, 3-4)

קעהרט ער זיך גלייך אום צו זיין בילד און רופט אויס:

איך וועל אָבער דאָ ניט פאַרפעהלען
זיין (דעם לויתנ'ס) גרויסקייט ווידער
צו דערצעהלען.

אין עפּילאָג (קאפּ. מ"ב) מאכט גאָט איוב'ן גערעכט, ווייל ער ווייס דאָך דאָס איוב האָט ניט געזינדיגט, דאָס ער האָט איהם נאָר געפּרובירט און ער האָט די פּראָבע בייגעשטאַנען. דורך זיינע ליידען איז איוב נאָך מעהר אויסגעלייטערט געוואָרען און געבליבען ריין ווי א מלאך.

די איוב־דראַמע

אין

פינף סצענען

די העלדען

גאָט

מלאכים

דערשטן

איוב

איוב׳ס פרוי

אַליפז

בלדד

צופר

קנעכט.

ערשטע סצענע:

אַ פּלאַץ אין לאַנד עוץ. זונען אויפגאַנג. אויף אַ בערגיל שטעהט דער פּאַטריאַרך איוב און ברענגט אויף בראַנד־אָפּפער פאַר גאָט. ער קניט זיך און בעט:

איך דאַנק דיר, גוטער גאָט, איך וויים
דאָס דיין גענאָד צו מיר איז גרוים,
דו גיבסט מיר אַלץ מיט פולען האַנד
איך בין דער רייכסטער אין מיין לאַנד,
דאַצו געבענשט פון דיר איך בין
מיט טעכטער דריי און זיבען זיהן.
אָה גוטער גאָט, איך בעט ביי דיר:
נעהם דיין גענאָד ניט צו פון מיר
און זיי צו מיינע זיהן אויך גוט,
ווייל יונג איז נאָך ביי זיי די בלוט:
אַ מאָלצייט פראַוועט יעדער פון זיי
צו זייער געבורטסטאָג נאָך דער רייה
און לאדען אויך זייערע שוועסטער איין
מיט זיי צו עסען, טרינקען וויין,
און ווען פון וויין פיהלט גוט אַ קינד
לויערט דאָך איבער איהם די זינד —
פיליי כט אין הארצען האָבען זיי
געזינדיגט געגען דיר אָה גאָט,
ברענג איך נאָך זייער צאָל פאַר זיי
צעהן בראַנד־אָפּפער, פאַרגיב זיי גאָט!

צווייטע סצענע:

אַ פּלאַץ אויפ'ן הימעל. מלאכים זינגען שירה פאַר גאָט. עס באַווייזט זיך דער שטן.

גאָט:

פון וואַנעט קומסט דו, שטן?

דער שטן:

אין די מענשען-וועלט בין איך געווען
און האָב פיל שלעכטעס דאָרט געזעהן,
איך קום ערפילען איצט מיין פליכט
פאַר דיר אָפּגעבען אַ באַריכט.

גאָט:

האָסט דו געזעהן דאָרט איוב'ן מיין קנעכט,
קענסט דו געפינען אויך אויף איהם
אומרעכט? —
ער איז דאָך רעכטפערטיג, ריין און גוט,
עס איז דאָך ליב מיר אַלעס וואָס ער טוט.

דער שטן:

ס'איז וואָהר, געפינען קען איך ניט
אויף איהם אומרעכט,
ווארום, אָה גאָט, זאָל איוב זיין גאָר שלעכט? —

פון אַלעם וואָס עס איז נאָר ליב אין לעבען
האָסט דו דאָך איהם מיט פולען האַנד געגעבען.
נעהם אַלס פון איהם און דו וועסט זעהן:
ער וועט ניט זיין צו דיר מעהר ווי געווען.

גאָט:

איך גיב דיר איבער איוב'ן
דו קענסט איהם געהן פּרובירען.
קענסט אַלעס צונעהמען פון איהם —
איהם זעלבסט זאָלסט ניט באַריהרען!

דריטע סצענע:

איוב זיצט אין זיין הויז. עס קומט אריין א שליח און רופט אויס:

געפּיטערט זיך האָבען די עזלען,
געאַקערט די אָקסען אין רייה,
ז'אַ באַנדע פון שבא זיי באַפאַלען,
די יונגען געטויט האָבען זיי,
נאָר איך בין פאַרבליבען ביים לעבען
פאַר דיר אַ באַריכט אָפּצוגעבען.

דער רעדט נאָך און אַ צווייטער קומט אריין און רופט אויס:

אַ פייער פון הימעל
פאַרברענט האָט דיין הערד,
אויך האָט דיינע יונגען
דער פייער פאַרצערט,
פאַרבליבען פון זיי
בין איך איינער ביים לעבען
צו קומען פאַר דיר
אַ באַריכט אָפּצוגעבען.

דער רעדט נאָך און אַ דריטער קומט אריין און רופט אויס:

פון דריי זייטען זיינען כשדים
אויף די קעמלען אָנגעפאַלען
און פון זייער שווערד די יונגען
זיינען אַלע טויט געפאַלען,
איך נאָר בין געבליבען לעבען
אַ באַריכט דיר אָפּצוגעבען.

דער רעדט נאָך און אַ פערטער קומט אריין און רופט אויס:

ס׳זיינען דיינע זיהן און טעכטער
ביי דיין עלטסטען זוהן געזעסען,
האָבען זיך פאַרבראַכט דאָרט פרעהליך,
וויין געטרונקען און געגעסען.
פלוצלונג איז אַ גרויסער שטורם

פון דעם מדבר אָנגעקומען,
האָט די הויז אַנטריסען, דיינע
קינדער זיינען אומגעקומען,
איך נאָר בין געבליבען לעבען
אַ באַריכט דיר אָפּצוגעבען.

איוב שטעהט אויף, צורייסט זיינע קליידער, פליקט די האָר פון זיין קאָפּ, פאַלט צו דער ערד, בוקט זיך און זאָגט:

נאַקעט געבוירען מיין מוטער מיך האָט,
נאַקעט אויך קעהר איך זיך אום יעצט צו גאָט,
גאָט האָט געגעבען, צוריק יעצט גענומען,
געלויבט און געבענשט איז זיין
הייליגער נאָמען!

פערטע סצענע:

אַ פּלאַץ אויפ'ן הימעל. מלאכים זינגען שירה פאַר גאָט. עס באַווייזט זיך דער שטן.

גאָט:

פון וואַנעט קומסט דו, שטן?

דער שטן:

אין די מענשען-וועלט בין איך געוועזן
און האָב פיל שלעכטעס דאָרט געזעהן,

איך קום ערפילען יעצט מיין פליכט
פאר דיר אפגעבען א באריכט.

ג א ט :

וואס וועסט דו זאגען היינט אויף איוב'ן
מיין קנעכט,
קענסט אויך געפינען יעצט אויף
איהם אומרעכט ?
דו האסט זיין רייכטום, זיהן און טעכטער
וועקגערויבט
און דאך האט ער מיר אין זיין נויט
געבענשט, געלויבט.
דו האסט מיר אנגערעדט, מיר
יעצט פארדריסט
וואס דו האסט שלעכטעס איהם
געטאן אומזיסט

ד ע ר ש ט ן :

אויך יעצט צו ריידען גיב מיר, גאט, דאס רעכט,
אה זאג, ווארום זאל איוב זיין גאר שלעכט ? —
וואס וואלט א מענש דען ניט אוועקגעגעבען
אום זיין געזונד צו רעטען און זיין לעבען.
אה לאז זיין קערפער מיר באריהרען,
דאן וועסט זעהן :
ער וועט ניט זיין צו דיר מעהר ווי געוועזן.

גאָט:

נאָר נאָך איין מאָל וועל איך
מיין איוב'ן פּרובירען:
זיין גוף געהערט צו דיר,
זיין גייסט זאָלסט ניט באַריהרען!

פינפטע סצענע:

איוב איז אויסגעשלאָגען מיט בייזע געשווירען פון פוסזייל ביז'ן שייטעל. ער ליגט אין אַשעס און קראַצט זיך מיט אַ שאַרבען, זיין פרוי געהט צו צו איהם און זאָגט:

ווי לאַנג נאָך, איוב, וועסטו ליידען
שמערצען שרעקליכע און פּיין?
ווארום נאָך האַלטסט זיך מיט דיין פרומקייט —
לעסטער גאָט און וועסט פאַרגעהן.

איוב ענטפערט איהר:

ווי וואַגסט דו ווי אַ נידערטרעכטיגע
געגען גאָט אַזוי פרעך ריידען! —
אויב פון איהם מיר גוטעס נעמען
דאַרפען מיר אויך נעמען ליידען.

עס קומען אַריין איוב׳ס דריי פריינד: אליפז דער תימני, בלדד דער שוחי און צופר דער נעמתי. זיי קוקען אויף איהם און דערקענען איהם ניט. זיי הייבען אויף זייער שטימע און וויינען. צורייסען זייערע קליידער, וואַרפען שטויב איבער זייערע קעפּ, זעצען זיך נעבען איהם אויף דער ערד און ריידען ניט קיין וואָרט.

איוב שטעהט אויף און נעמט שילטען דעם טאָג און די נאַכט פון זיין געבורט:

זאָל זיין פון מיין געבורט דער טאָג
פאַרפלוכט, פאַרשאָלטען, פול מיט קלאָג,
פינסטערניש זאָל איהם דערשרעקען,
געדיכטע וואָלקענס איהם באַדעקען,
עס זאָלען שאָטענס פון דעם טויט
איהם צו פאַרניכטען זיין באַרייט!

פאַרשאָלטען אויך זאָל זיין די נאַכט
וואָס האָט מיר אויף דער וועלט געבראַכט,
זי זאָל אין מאָנאַט צאָל ניט קומען,
פון יאָהרען צאָל זאָל זיין אַנטנומען,
נאָר יענע זאָלען איהר באַזוכען
די ליכטיגקייט פון טאָג וואָס פלוכען,
ניט לייכטען זאָלען איהרע שטערען

און קיין געזאַנג זאָל זי ניט הערען,
ווייל זי האָט ניט מיין מוטערס לייב פאַרמאַכט
בעפאָר זי האָט מיר אויף דער וועלט געבראַכט,
דערפאַר וואָס איך בין ניט פאַרגאַנגען
בעפאָר מיך האָבען קני עמפפאַנגען,
בעפאָר איך האָב באַקומען לוסט
צו זייגען פון מיין מוטער'ס ברוסט.

איך וואָלט דאָך דאַן געלעגען שטיל
מיט קעניגע און פירסטען פיל
געקאָכט אַמאָל וואָס האָט די וועלט
מיט זייערע רייכטימער און געלד,
וואו אָרימע שרייען ניט פון וועה,
פון דריקער הערט מען קיין געשריי,
וואו ס'ליגען רוהיג קנעכט און הער
און וואו עס זינדיגט קיינער מעהר.

וואָרום איז לעבען אָנגעגרייט
פאַר די וואָס וואַרטען אויף דעם טויט,
וואָס זוכען ווי דימאַנטען איהם
און קענען ניט געפינען איהם
און ביי זיי די פרייד ווערט גרויס
ווען זיי זיין אָרט געפינען אוים?

אָה ב׳פאַר איך עס מיין שטיקעל ברויט
צוגיסט זיך מיין געשריי פון נויט,
כ׳האָב זיך געשראָקען, ניט גערוהט,
ס׳האָט ניט געשטילט אין מיר די בלוט,
וואָס כ׳האָב מיט ציטערניש געפיהלט
געוואָרען איז אויף מיר ערפילט!

פערל פון איוב

I.

איוב׳ס קלאגע

(קאפ. י׳)

מיין לעבען עקעלט אויף מיין זעעל
איך דרום מיין קלאָג פריי לאָזען וועל,
וועל אויסגיסען מיין הארץ פאר גאָט
און זאָגען וועל איך איהם: אָה גאָט! —
ווארום אומזיסט פארדאמסט דו מיר,
אָה וואָס פאר גוטעס טוט עס דיר,
ווארום, אָה גאָט, האָסט דו פאראכט
די ארבייט וואָס דו האָסט געמאכט,
ווארום באשטראָפסט מיר מיט דיין רוט
און צו די זינדיגע ביזט גוט,
זאָגאר דו ווייסט דאָס איך בין ריין
און דאָך פארלינדערסט ניט מיין פיין?

מיך האָבען דיינע הענד געמאכט,
מיך האָסט דו אויף דער וועלט געבראכט,
ווי ליים האָסטו מיך אויסגעברייט,
מיט הויט אוןביינער מיר באקליידט,

און פון דיין גייסט און פון דיין לעבען
האָסט דו דאָך מיר אַ טייל געגעבען,
ווארום ביזט דו אַזוי איצט גערן
צוריק צו שטויב מיך אומצוקערען?

באַגאַנגען האָב איך ניט קיין זינד,
איך בין געטריי דיר ווי אַ קינד,
דאָס אַלעס ווייסט דו דאָך אַליין
און דאָך מאַכסט ניט פון זינד מיך ריין;
האָב איך געזינדיגט וועה איז מיר
און בין איך ריין אויך דאַן פאַר דיר
קען איך ניט אויפהויבען מיין קאָפּ,
ווייל ווי אַ לייב לאָזט מיר ניט אָפּ!

ווארום האָסט מיר ניט וועקגענומען
גלייך ווי כ'בין אויף דער וועלט געקומען?
געצעהלט דאָך זיינען מיינע טעג,
נעהם אויף אַ ווייל פון מיר אַוועק
דיין האַנד, אָה גאָט, און לאָז מיך אָפּ
בעפאָר איך שטירץ אין תהום אַראָפּ,
בעפאָר אויף אייביג כ'וועל פאַרגעהן
און וועל די ליכט שוין מעהר ניט זעהן.

II.

דער מענש

(קאַפּ. יד)

דער מענש פון פרוי געבוירען,
געצעהלטע זיינען זיינע יאָהרען,
אַזוי ווי אַ בליטהע ווערט ער פאַרשניטען
און וואַקעלט אום אַזוי ווי אַ שאָטען
און דו, אָה גאָט, מאַכסט דאָס דיין פליכט
אַזעלכען ברענגען צום געריכט?
אויב זיינע טעג האָסטו געצעהלט
און אונטער וואַך האָסט איהם געשטעלט,
אָה נעהם דיין האַנד פון איהם אַראָפּ,
כאָטש אויף אַ ווייל לאָז איהם אָפּ!

עס האָט דאָך האָפנונג דער בוים,
ווען ער ווערט אַלט דאָן פון זיין שטאַם
שפּראָצען ווידער בליהונג אָפּ,
און ווען זאָגאַר זיין שטאַם שטאַרבט אָפּ
לעבט ער פון וואַסער ווידער אויף
און נייע פלאַנצונגען ברענגט אויף
שטאַרבט אָפּ דער מענש — וואו איז ער?
אויסגעטריקענט ווערט דער מעער,

עס ווערען וועלטען אומגעבראַכט
און ער נאָך אַלץ האָט ניט ערוואַכט!

אַך, ווען איך וואָלטווירקליך וויסען
דאָס איך פון לעבען וועל געניסען,
וועל ווערען גענצליך ניט פאַרדאָרבען
אויך דאַן ווען איך וועל זיין געשטאָרבען,
וואָלט איך אין גרוב געלעגען שטיל
מיט אַ האָפענונגס געפיהל
דאָס מיר ווען גאָט וועט קומען רופען
וועל איך זיך צו איהם אָפּרופען,
ער וועט נאָך זיין באַשאַפונג גערן
און וועט מיר פייניגען אויפהערען.

עס ווערען אָבער בערג צופאַלען,
פון וואַסער ווערט דער פעלז צומאָלען
און דער מענש נאָך אַלץ ער ליגט,
בעג'ן זיינע קינדער זיין געדריקט,
זיי מעגען זיין ערהאַבען, גרויס,
ניט איהם קימערט, ניט ער וויים,
עס ווערט צופוילט זיין פלייש און ביין,
באַטריבט זיין זעעלע בלייבט אַליין!

III.

געניג פאַרטראָגען האָב איך שפּאָט

(קאַפּ. יז)

געניג פאַרטראָגען האָב איך שפּאָט,
אַך, נעהם צו דיר מיר צו, אָה גאָט!
ווער דען וועט רייכען מיר אַ האַנד? —
זיי האָבען קיינער קיין פאַרשטאַנד.

מיין פריינד אין קריג מיט מיר וויל געהן,
עס מעג זיין קינד כאָטש אונטערגעהן,
ער האָט צו שאַנדע מיר געשטעלט,
עס לאַכט פון מיר די גאַנצע וועלט.

עס שטוינען ערליכע דאַרויף,
גערעכטיגע זיך רעגען אויף,
און דאָך איז קיינער פון זיי קלוג
פאַרמיידען פאַלשקייט און באַטרוג.

אַזוי פאַרלויפען מיינע טעג,
אַזוי מיין האָפענונג פליהט וועק,
מיין ליכט ווערט פינסטער מיר געמאַכט,
מיין טאָג פאַרוואַנדעלט ווערט צו נאַכט.

צי האָפּענונג מיר העלפען וועט
ווען כ׳מאַך אין פינסטערניש מיין בעט?
ווען איך דעם קבר „פאָטער" רוף,
דעם וואָרם „מוטער" איך אָנרוף?

אָה וואו מיין האָפּענונג איז דען,
ווער מיין ערוואַרטונג וועט אָנזעהן? —
איך האָב קיין האָפּענונג מעהר, אָה ניין,
מיט מיר אין קבר וועט זי געהן!

IV.

עס ציטערט אויף מיין פלייש און בלוט

(קאפ. כ"א)

עס ציטערט אויף מיין פלייש און בלוט
ווען כ'זעה ווי גאטלאזע איז גוט,
שטארק, קרעפטיג, ליב איז זייער לעבען
מיט פילע קינדער אומגעגעבען,
פון שלעכטס איז זייער הויז פארהיט.
די רוט פון גאט באריהרט זיי ניט,
גאנץ זיינען זייערע אקסען, קיה
און זייערע קינדער ווי די פיה
פרעהליך טאנצען אום און שפרינגען
מיט פויק און הארפע שפילען, זינגען.
זיי האבען זיך פון גאט אנטריסען
און פון זיין וועג ניט ווילען וויסען,
זיי זאגען: דארף מען גאט גאר דינען? —
מ'קען אויך אהן איהם דאס גליק געפינען!

כ'וויל אבער זייער ראטה ניט הערען,
פארפינסטערט זייער ליכט זאל ווערען!
זאל גאט אויף זיי זיין כעס אויסגיסען
זיי זאלען מעהר קיין גוטס געניסען,

צובלאָזען ווערען ווי שטרוי פון ווינד!
באַשטראָף ניט, גאָט, פאַר איהם זיין קינד,
נאָר איהם אַליין, אָה גאָט, באַשטראָף,
זאָל ר'זעהן אַליין זיין שלעכטען סוף
ווייל איהם וואָס אַרט נאכהער זיין הויז
אויב ער נאָר גאַנץ זיין צייט לעבט אויס?
דאָך לערנען ווער קען גאָט'ס טאַט? —
ער אין דער הויך האַלט אָפּ זיין ראַטה;
דער איינער שטאַרבט ווען איהם איז גוט,
אין מיטען פון זיין לעבענס גלוטה,
דער צווייטער שטאַרבט אין שלעכט געמיטה
ווייל ער געזעהן האָט גוטעס ניט;
צוזאַמען דעקט זיי צו די ערד,
פון ווערים ווערען זיי פאַרצעהרט!

איהר פרעגט: ווי קען מען די הויז
פון ג'רעכטען
פאַרגלייכען מיט די הויז פון שלעכטען?
אָה, פרעגט די יעניגע וואָס רייזען,
זיי וועלען צייגען אייך, באַווייזען:
גאַנץ לאַנג האַלט אָן דעם שלעכטענס גליק
בעפאָר עס קומט אויף איהם אומגליק
און קיינער נעהמט זיך ניט דאָס רעכט
באַשטראָפען איהם ווייל ער טוט שלעכט.

נאָך איהם ווען ער פאַרלאָזט די וועלט
אַ מאָנומענט ווערט אויפגעשטעלט,
ער אונטער איהם ליגט רוהיג, שטיל,
זיין גראָב באַזוכען מענשען פיל...

V.

וואו איז גאָט?

(קאַפּ. כ״ג)

אַך, ווען איך וואָלט נאָר געקענט
דעם אָרט געפינען וואו גאָט וואוינט,
וואָלט איך זיין וואוינונג דאַן באַזוכט
און ב׳איהם גערעכטיגקייט געזוכט.

איך זוך אָבער אין מזרח איהם
און קען דאָרט ניט געפינען איהם,
איך זוך אין מערב און אויך דאָרט
פאַרבאָרגען איז פון מיר זיין אָרט,
איך קען אין צפון איהם ניט זעהן
און ניט אין דרום איהם פאַרשטעהן!

און דאָך ווער קען געג׳ן איהם באַשטעהן
ווען מיט זיין מאַכט ער טרעט אַרויס? —
ער טוט דאָך אַלעם אויף אַליין
און וואָס ער וויל נאָר פירט ער אויס,
דאַרום פאַר איהם איך ציטער אויף,
ער וואַרפט אויף מיר אַ שרעק אַרויף!

VI.

עס קומען אַן די שלעכטע מענשען
(קאַפּ. כ"ד)

עס קומען אַן די שלעכטע מענשען
פאַרכאַפּען סטאַדעס פיה און גרענעצען,
דעם יתומ'ס אייזעל נעהמען צו
און די אלמנה'ס אָקס און קוה.
באַגעהען מאָרד און רויבעריי
ווי ווילדע אין דער וויסטעניי.
פון די אָרימע באַארבייט ווערט
די פעלד וואָס ניט צו זיי געהערט.
פאַר אַנדערע זיי תבואה שניידען
אַליין זיי אָבער הונגער ליידען,
פאַר אַנדערע זיי טרויבען קלייבען
אַליין זיי אָבער דורשטיג בלייבען.
זיי באָרוועס, נאַקעטע אומגעהן
און נעכטיגען אויף פעלז און שטיין,
זיי קרעכצען הויך פון אַנגסט און וועה,
מען הערט פון שטאָדט זייער געשריי.

— — — — — — — — — — — — —

דער רויבער אין דער פריה אויפשטעהט
אויף אָרימע זיין נעץ אויסשפרייט

און זינד ביינאַכט טוט ער באַגעהן,
זאָגט: קיינער האָט מיר ניט געזעהן.
ביינאַכט באַרויבט ער דעם פאַרמאָג
וואָס ער באַצייכענט האָט בייטאָג,
ער ווייס ניט פון בייטאָג דעם פראַכט
ווייל ער פאַרבייט דעם טאָג אויף נאַכט.
ער נאָך די קינדלאָזע זיך יאָגט,
פון איהם אויך די אלמנה קלאָגט
און פון זיין גרויזאַמען געשטאַלט
אויף אַלעמען אַ ציטער פאַלט.
און פאַלט אין לאַנד אויף איהם אַ שרעק
דאַן לויפט ער אויף דעם וואַסער וועק
און ס'ווערט פון איהם קיין מאָל באַריהרט
די וועג צו וויינגערטנער וואָס פירט.
און איז ביי גאָט דאָס אַלעס רעכט,
די מענשען זיינען אַזוי שלעכט,
זיי אָנערקענען ניט זיין וועג
און ניט פאַרווילען אין זיין שטעג?
אָה ניין! — גאָט אויף אַ ווייל נאָר
קראַפט זיי גיט,
און ווי אַ קאַלט געוויסער ווערט
פון היץ און טריקעניש פאַרצעהרט
אַזוי אויך דער וואָס זינד באַגעהט
פון גאָט פאַרניכטעט ווערט, פאַרגעהט.

גאָט אַלע רויבער קלייבט אויף זאַמט
און ווי די זאַנגען זיי אָפּראַמט !

קען ווער זיך נעהמען דען דאָס רעכט
צו זאָגען איך בין ניט גערעכט ?

VII.

צו איוב'ן

(קאפ. כ"ח)

אָה איוב, זאָג האָסט דו
גאָט'ס גרויסקייט באַטראַכט ? —
מיט איהם איז דאָך פרידען
מיט איהם איז אויך מאַכט !

און דו זיינע פאָלקען
האָסט ווען אויסגעצעהלט ?
זאָג, וועמען האָט ער ניט
זיין ליכט צוגעטיילט ?

און ווילסט דו זאָל גאָט דען
גאָר האָבען צוטרוי
צום קלייניגקען מענשעל
געבוירען פון פרוי ?

עס ווערט דורך זיין ווילען
די לבנה באַפלעקט.

אין וויל ער — אויך ווערען
די שטערען פאַרדעקט.

ווי ווילסט דו, אָה מענשעל,
דו ווערעמיל קליין
מיט גאָט זיך גאָר ריכטען,
ביי איהם בלייבען ריין?

VIII.

איוב׳ס ענטפער

(קאפ. כ״ו)

— ? ווער ווייסט ניט די גרויסקייט פון גאט
עס ציטערען פאר זיין געבאט
די ב׳והאוינער פון ערד און פון מעער,
ווייל זייער באשעפער איז ער!

פאר איהם איז דער אפגרונד ענטדעקט,
די טיפ׳ניש פון ים איז אנטפלעקט,
ער שפרייט איבער וויסטע דעם נארד
און הענגט אויף אין פוסטקייט די ערד.

פליסט וואסער אין וואלקענס אריין,
עס דרינגט ניט דורך זיי דורך די שיין
און ס׳ווערט דאן פארדעקט און פארשטעלט
אין הימעל זיין שטול פון דער וועלט.

ער מאכט אין די וואלקענס א שיכט
— וואו פינסטעניש טרעפט זיך מיט ליכט
און ס׳דונערט, עס בליצט און עס קראכט,
אויפציטערט דער ים פון זיין מאכט!

דאַן מאַכט ער מיט קראַפט און פאַרשטאַנד
דעם שטאָלצען ים צו אַ שטילשטאַנד,
מאַכט לויטער דעם הימעל און ריין,
די לויפענדע בליצען פאַרגעהן.

דאָס אַלץ איז אַ טייל נאָר פון גאָט,
אָה, קען דען באַגרייפען ווער גאָט?
אָה, ווער קען באַגרייפען זיין מאַכט
און ווער קען באַטראַכטען זיין פראַכט?

IX.

די חכמה

(קאַפּ. כ״ח)

מען ווייס וואו זילבער ווערט גענומען,
דעם אָרט וואו גאָלד מען קען באַקומען,
מ׳גראָבט אייזען פון דער ערד אַרויס,
פון שטיינער גיסט מען קופּער אויס.

אין פינסטערניש דער גרעבער קריכט
און ברענגט אַריין דאָרט לעבען, ליכט,
ער ווייט פון מענשען צייגט זיין מאַכט,
וואו קיינער קומט גראָבט ער אַ שאַכט.

די ערד וואָס אַלעמען ערנעהרט
ווערט פון זיין פייער אומגעקערט,
ער גראָבט, זוכט זיין געווינשטען שאַץ:
פון גאָלד און דימאַנטען דעם פּלאַץ.

דאָרט וואו דער רויב פויגעל ניט פליהט,
דאָרט וואו דער ווילדער טהיער קומט ניט
זיין האַנד אויף פעלזען שטיין ער לייגט
און אונטער איהם דער באַרג זיך בייגט.

ער האַלט דעם שטראָם פון פליסען אויף
ביז ער די אוצרות ברענגט אַרויף,
זיי ווערען פאַר זיין אויג אַנטפּלעקט
און פאר דער וועלט ער זיי ענטדעקט.

וואו איז אָבער חכמה'ס פּלאַץ?
וואו איז איהר וואוינונג און איהר שאַץ?
ניטאָ אַ מענש וואָס ווייס איהר ווערטה,
ווייל ז'האָט קיין וואוינונג אויף דער ערד.

זי איז ביי מיר ניט, זאָגט דער תהום,
און ניט ביי מיר, רופט אויס דער ים
מען קען מיט גינגאָלד איהר ניט קריגען
און ניט מיט זילבער איהר אָפּוועגען.

ניט מיט גאָלד פון לאַנד אופיר,
ניט מיט קריסטאָל, ניט מיט סאַפיר
און ניט מיט פּערלען און קאָרעלען
זיך קען מען געגען חכמה שטעלען.

מען קען מיט גאָלד איהר ניט אָפּשאַצען,
איהר ווערטה איז מעהר פון אַלע שאַצען —
טאָ וואו דען פּאָרט איז איהר געצעלט
ווען זי איז פאַרבאָרגען פון דער וועלט?

— ? ווען פויגעל הויך ניט זעהן קען איהר
קומט אָן דער טויט*) און זאָגט פון איהר
מיין אויער האָט אַ קלאַנג געהערט
דאָס גאָט אַליין ווייס נאָר איהר ווערטה.

נאָר ער אַליין ווייס פון איהר פּלאַץ
און וואו באַהאַלטען איז איהר שאַץ:
ווען ר'האָט באַקוקט די ברייטע וועלט
און אויף אַ וואָג דעם ווינד געשטעלט,

דעם רעגען צום געזעץ געבראַכט
און פאַר דעם בליץ אַ וועג געמאַכט
האָט ער די חכמה דאַן דערזעהן,
מיט איהר צופרידען איז געווען.

און ער דעם מענשען האָט באַלעהרט:
אויב דו ווילסט וויסען חכמה'ס ווערטה,
האָב פורכט פאַר גאָט און גוטעס טו,
ועסט דאַן פון חכמה וויסען דו.

---

*) דער טויט האָט דאָך אַ שייכות מיט יענער־וועלט.

X.

אָה יענע צייט וואו נעהם איך איצט ?
(קאַפּ. כ"ט-ל)

אָה יענע צייט וואו נעהם איך איצט
ווען גאָט האָט מיר באַהיט, באַשיצט,
ווען ער האָט הויך מיר אויפגעריכט
און מיר באַלויכטען מיט זיין ליכט,
ווען ר'האָט זיין היים ביי מיר געמאַכט
און גליק און זעגען מיר געבראַכט.

דאַן ווען אין שטאָדט טויער מיין שטול
האָב איך געשטעלט פאַר מענשען פול —
געציטערט האָבען יונגע לייט,
געשטעלט זיך אַלטע פון דער וויט,
ס'האָבען פירסטעןריידען אויפגעהערט
און צו מיין וואָרט זיך צוגעהערט.

געשעצט האָט יעדער מיר, געאַכט
און פאַר אַ מוסטער מיר געמאַכט
ווייל אָרימע אין זייער נויט
האָב איך געהאָלפען און ערפרעהט
און בענשונגען פון הארצען ריין
פאַר מיר געווען איז זייער לוין.

אַן אויג צום בלינדען בין געווען,
אַ פוס פאַר'ן הינקענדען צו שטעהן,
אַ פאָטער טריי צו די וואָס לײדען,
אַ פרעמדענס קריג האָב איך אַנטשידען
און אימער האָב איך דעם גערעכטען
גערעטעט פון די האַנד פון שלעכטען.

און איך דערפאַר האָב דאַן געמיינט
מיט גוטס וועל ווערען איך באַלוינט,
מיר שיינקען גאָט וועט יאָהרען פיל,
נ'מיין אויגען נעסט וועל'ך שטאַרבען שטיל,
מיין וואָרצעל טיף וועט זיין געזעצט,
מ'ט טוי און רעגען פיל באַנעצט.

און איצט, אָה, ווער איך אויסגעלאַכט,
פון יונגע וועלכע כ'האָב פאַראַכט,
וואָס זייערע עלטערען כ'האָב פאַרבאָטען
מיט מיינע הינט מיין שאָף צו היטען,
אָט ביי אַזעלכע, פאַלש און פרעך,
בין איך געוואָרען אַ געשפּרעך!

געפאַלען איז אויף מיר אַ שרעק,
מיין הילף איז ווי אַ ווינד אַוועק,
מיין זעעל צוגיסט זיך אין געוויין,

דער שמערץ דורכגעבויערט מיין געביין,
פאַרגליכען בין איך צו די ערד,
צו אַש וואָס האָט ניט קיין שום ווערטה.

אָה גאָט! איך שריי דאָך הויך צו דיר
וואָרום, אָה ענטפערסט דו ניט מיר,
וואָרום ביזט דו מיין פיינד פאַרבליבען,
מיט ווינד האָסט מיר פון דיר פאַרטריבען,
וואָרום דעם טויט האָסט אָנגעשטעלט
מיך וועקצונעהמען פון דער וועלט?

גענוג געבלוטעט האָט מיין הערץ
צו זעהן פון אָרימע דעם שמערץ,
יעצט איך מיין אייג'נעם בראָך באַקלאָג,
ווייל געוואָרען נאַכט איז מיר פון טאָג,
יעצט בלוט' מיין הערץ אויף מיר אַליין,
ווייל כ'זעה ניט מעהר די זונענשיין.

וו'אַ ווילדער מאַנסטער זעה איך אוים,
ווי אַ שאַקאַלע, ווי אַ שטרוים,
איך וואַנדער אום און שריי פון וועה
עס הערט דער עולם מיין געשריי,
טרויעריג מיין פידעל שפילט,
און אומעט איז מיין האַרף פאַרהילט!

XI.

די שבועה

(קאַפּ. ל"א)

אויב איך פון וועג האָב אָפּגעטרעטען,
געלאָזט מיין הארץ מיט לוסט זיך זעטען,
אויב עטוואָס האָט פאַרכאַפּט מיין האנד —
דאַן וואָס איך האָב פאַרזייט אין לאַנד
פון אַנדערע באַנוצט זאָל ווערען,
מיין שפּראָצונג אויסגעדאַרט זאָל ווערען!

אויב כ'האָב אַ פרעמדע פרוי פאַרנאַרט
און ביי מיין פריינד זיין האָב געגאַרט —
מעג דאַן מיין פרוי ביי אַנדערע מאָלען
און פרעמדע קניען אויף איהר זאָלען,
און דאָס דאַך יעדער איינער ווייס
די זינד פון דעם איז זעהר גרויס,
זי ווי אַ פייער דאַך פאַרצעהרט,
אַ גאַנצען אייגענטום צושטערט!

אויב איך מיין קנעכט'ס רעכט האָב פאַראַכט
ווען כ'האָב מיט איהם אַ קריג געמאַכט —
ווי קען איך געבען אַ באַריכט?

ווען גאָט מיך רופט דאַן צום געריכט ?
אַזוי ווי גאָט האָט מיך באַשאַפען
האָט ער דאָך אויך מיין קנעכט באַשאַפען.

אויב דעם אָרימענ׳ס ביטע כ׳האָב פאראכט,
די וויטווע׳ס אויגען האָב פאַרשמאַכט,
אויב איך אַליין האָב ברויט געגעסען
און אַן דעם יתום זיך פארגעסען,
אויב ס׳האָט זיך ווער אין אַ קלייד געניוט,
איך האָב געוואוסט נ׳איהם ניט באַקליידט,
אויב כ׳האָב אויף איהם זיך ניט ערבאַרמט,
פון מיין שאָפ׳ס וואָל איהם ניט ערוואַרמט,
אויב אויף אַ יתום אָהן באַשטאַנד
האָב איך געהויבען וועז מיין האַנד —
פון קאַרק זאָל דאַן מיין אַקסעל פאַלען,
מיין ארם פון זיין ביין אָפּפאַלען,
ווייל גאָטעס אורטייל איז דאָך גרויס
און פון זיין שרעק האַלט איך ניט אויס !

אויב גאָלד מיין האָפענונג כ׳האָב געמאַכט,
גינגאָלד אַלס זיכערהייט באַטראַכט
און געפרעהט זיך שטאַרק איך האָב
ווייל גרויס איז מיין פאַרמאָג און האָב,
אויב כ׳האָב די זונענליכט באַטראַכט,
דעם מאָנד ווי שעהן ער לויכט ביינאַכט

און ג׳אירט האָט זיך מיין האַרץ פון לוסט
און געגען זיי מיין האַנד געקושט —
זאָל דאַן מיין זינד ניט זיין פאַרגעבען
ווייל כ׳האָב פאַרלייקענט גאָט פון אויבען!

אָה, אויב איך האָב זיך ווען געפרעהט
ווען כ׳האָב געזעהן מיין פ.ייַנד אין נויט,
אויב איך געמאַכט האָב אַ פאַרזוך
זיין זעעל צו פאַדערען דורך פלוך,
אויב ס׳האָט מיין הויזגעזינד געבעטען
זיי זאָלען פון זיין פלייש זיך זעטען,
אויב ס׳האָט אַ פרעמדער נ׳גאַס געשלאָפען
ווייל מיין טיר ז׳געווען פאַר איהם ניט אָפען —
זאָל דאַן דער פּעבעל מיר באַפאַלען,
אויף מיר זיין צאָרן לאָזען פאַלען,
און איך פאַר מורא, שרעק און זאָרגען
זאָל ליגען אין מיין הויז פאַרבאָרגען!

אָה, אויב די ערד קען זיך באַקלאָגען
אויף מיר דאָס איך האָב זי באַטראָגען
דאָס זי געצאָלט האָט ניט באַקומען
פאַר אַלץ וואָס כ׳האָב פון איהר גענומען —
זאָל דערנער פון מיין ווייץ דאַן ווערען,
אונקרויט מיין גערסטע זאָל צושטערען!

XII.

עס ציטערט אויף מיין האַרץ און שפּרינגט

(קאַפּ. ל"ז)

עס ציטערט אויף מיין האַרץ און שפּרינגט —
אָה, הערט גאָט'ס שטימע ווי עס קלינגט
און פון זיין מויל ווי הויך עס לויט
אונטער דעם הימעל וויים און ברייט!

אָט ווערט אַ ליכט פאַרשפּרייט פון איהם
און באַלד נאָכדעם זיין וואונדער שטים
לאָזט ער דערהערען הויך און גרויס,
אָה, ווער די וואונדער זיינע וויים?

זיי אויף דער ערד, זאָגט ער צום שניי
און צו דעם רעגען שטאַרקער גיי!
ביז ער דעם מענשענס וועג פאַרשטעלט,
פון איהם זאָל וויסען די גאַנצע וועלט.

דער טהיער זיך צו זיין נאָרע איילט
און אין זיין וואוינונג שטיל פאַרווײלט,
ווייל ס'קומט דער נאָרד-שטורם מיט מאַכט,
מיט איהם ווערט אויך די קעלט געבראַכט.

פון גאָטעס אָטעם בלאָזט דער קעלט,
געוויטערס ווערען פעסטגעשטעלט —
און ס'לייטערט זיך דער וואָלקען אוים,
עס דרינגט דורך איהם די ליכט אַרוים.

אַזוי זיין אָרדנונג ער פאַרבייט,
אַלס ווענדעט זיך ווי ער באַרייט,
אַזוי וו'ער זאָגט, ווי ער באַפעהלט,
געטאָן ווערט אַלעס אויף דער וועלט.

דאָ שטראָפט די לאַנד ער מיט זיין רוט,
דאָ ווערט צוריק ער מילד און גוט,
אָה, מערק עס, איוב, און אָבאַכט,
גאָט'ס וואונדער שטעל זיך און באַטראַכט.

ווייסט דו ווי גאָט גיט זיין באַפעהל,
ווען ס'ווערט פון בליץ דער וואָלקען העל?
ווי וואונדערליך, ווי שעהן עס האָט
די וואָלקענס אויסגעברייטעט גאָט?

אויף דיר די קליידער וואָס ווערט הייס
ווען ס'ווערט די היץ פון דרום גרוים —
האָסט דו די הימלען אויסגעשפרייט,
זיי פעסט ווי שפיגלען אויסגעברייט?

אָה, זאָג, וואָס קענען מיר איהם זאָגען,
אין פינסטערניש איהם פאָרצוטראָגען?
קען ווער פון אונז איהם וואָס דערצעהלען,
א״ז עטוואָס ב׳איהם פון אונז פאַרהילען?

ניט יעצט נאָך האָט דער מענש באַטראַכט
די וואַרע הימעלס-ליכט איהר פראַכט,
ווען ס׳קומט דער ווינד וואָס לייטערט ריין
און מאכט ווי צפון גאָלד איהר שעהן,
און זי פאַר גאָט איהר וואָהנונג מאַכט,
באַגלאַנצט איהם מיט איהר ליכט אַ פראַכט.

ניטאָ אַ מענש פון גאָט וואָס וויים,
ער מעג זיין מעכטיג, מעג זיין גרוים,
ער מעג פון שלעכטעס זיין גאַנץ ווייט,
ניט גוטעס פול, גערעכטיגקייט,
ווי קען אַן איינפאַך מענש איהם זעהן,
ווען איהם די קליגסטע ניט פאַרשטעהן?

נאָט'ס ענטפער דורכ'ן שטורם

ויען יהוה את־איוב מן הסערה...

און דורך ווינד און שטורם האָט
איוב'ן געענטפערט גאָט:

ווער קומט מיט ווערטער פרעכע, לערע
פאַרדונקעלן מיין ראַטה און לעהרע?
גורט זיך אָן, מענש, ווי אַ מאַן
און זאָג: געווען וואו ביזטו דאַן
ווען כ'האָב געגרינדעט ערד און לאַנד? —
ענטפער, אויב דו האָסט פאַרשטאַנד!

זאָג, האָט ווען דיר ווער ערקלערט
אויף וואָס עס האַלט זיך אויף די ערד,
אויף וואָס איהר פונדאַמענט באַשטעהט
וועלכען איך האָב אויסגעבּרייט
דאַן ווען ס'האָבען מיר באַגלייט
די ענגלען מיט שאלל און קלאַנג,
דער מאָרגען שטערען מיט געזאַנג?

און ווער פאַרשפאַרט האָט מיט אַ צאַם
די וועלען פון דעם גרויסען ים
אַלס כ'האָב מיט וואָלקענס איהם באַקליידט
און מיט נעבעל איהם באַנייהט

און אָנגעזאָגט איהם ביז אַהער
מעגסט דו געהן, אָבער ניט מעהר ?

האָסט דו דעם מאָרגען ווען באַפּעהלט
און אַ פלאַץ פאַר איהם ערוועהלט
ער די ערד זאָל אַרומנעהמען
און גאָטלאָזע פון איהר ענטנעהמען ? —
די ערד פון שעהנעם מאָרגענרייט
ווערט מיט פראַכט געוואַנד באַקליידט,
ווי זיגעלס וואַקס ווערט זי פאַרביטען
און ס'ווערען זינדיגע פאַרשניטען *)

האָסט דו אין תהום פון ים שפּאַצירט
און זיין גרונד האָסט דו באַרירט
האָסט דו דעם אָרט פון טויט אַנטפּלעקט
און זיינע טויערען ענטדעקט ?

זאָג מענש, האָסט דו ווען באַטראַכט
די ברייטקייט פון די וועלט, איהר פּראַכט,
צו ליכט און פינסטערניש איהר וועג,
וואו איהר גרענעץ איז, איהר ברעג ?

*) דער מאָרגען פאַרטרייבט די נאַכט מיט איהרע זינד.

דו ביזט דאָך, מענש, פון לאַנג געבוירען,
צאָלרייך זיינען דיינע יאָהרען,
זאָג, האָסט דו ערדייכט ווען זיי
די אוצרות האָגלען, מענגען שניי
וועלכע כ'האָב ביי זיך פאַרמאַכט
פאַר דעם טאָג פון קאַמף און שלאַכט ?

קענסט דו געבען אַ באַריכט
וואו עס טיילט זיך אָפּ די ליכט
ווען דער שטורם צייגט זיין מאַכט,
ווען דער דונער שרעקליך קראַכט ?

האָסט דו אַוועקגעשיקט דעם רעגען
איבער לאַנגע ווייטע וועגען
צו באַנעצען וויסטענייען
זיי זאָלען זיך מיט גראָז באַנייען ?

ווער פון רעגען איז דער גרינדער,
ווער פון טוי איז דער ערפינדער ?

ווייסט דו ווער ס'האָט דעם אייז געמאַכט
און פון הימעל פראָסט געבראַכט
וואָס מאַכט דעם וואַסער האַרט ווי שטיין
און ווייטער לאָזט ער איהם ניט געהן ?

האָסט דו פאַרבונדען די „זיבען שטערען",
באַפרייט דעם „אריאָן", די „בערען"?

ווייסט דו פון הימעל די געזעצען,
קענסט דו זיי אויף דער ערד באַנוצען?

קענסט מיט דיין שטים דעם וואָלקען וועקען
ער זאָל מיט וואַסער דיר באַדעקען?
קענסט דו דען די בליצען נייטען
זיי זאָלען קומען דיר באַגלייטען?

ווייסט ווער דעם זינען גיט פאַרשטאַנד?
און קענסט דו, מענש, מיט דיין פאַרשטאַנד
און קלוגהייט אויסצעהלען די שטערען?
קענסט די וואָלקענס דו אויסלערען
דאָס פון די ערד דער אָבערפלעך
באַנעצט זאָל ווערען, פייכט און ווייך?

קענסט דו געפינען שפּייז און רויב
פאַר דעם הונגעריגען ווילדען לייב?
און נאַהרונג ווער האָט אָנגעגרייט
פאַר'ן ראַב וואָס שרייט פון הונגער נויט?

אָה זאָג, האָסט דו באַשטימט די צייט
ווען פון געבורט די הירשין ליידט,
ווען זי מיט וועהטאָגען זיך קניט
געבורט צו איהרע קינדער גיט,
און ווען זיי עלטער, שטאַרקער ווערען
וועקלויפען זיך ניט אומצוקערען?

און ווער פריי דעם אייזעל שיקט
צום ווילדערניש וואו ער זיך קוויקט,
ער דאָרט זיין וואוינונג פריי זיך מאַכט
און פון דעם שטאָדט טומעל אויסלאַכט
און אויף די גרויסע בערג אומאירט
און דאָרט די גרינע גראָז נאַכשפּירט?

זאָג, וועט דער ווילדער אָקס דיר דינען,
אין דיינע שטאַלען זיך געפינען?
אָה נויט איהם אויב דו ביזט אַ העלד
ר׳זאָל אַקערען פאַר דיר די פעלד?
צי קענסטו אויף זיין קראַפט דען בויען,
מיט זיכערהייט אויף איהם זיך טרויען
דאָס ער דיין תבואה וועט עמפאַנגען
און אויסדרעשען וועט דיינע זאַנגען?

די שטרויס-פויגעל האָסטו באַטראַכט
און איהרע פעדערען אַ פראַכט? —

HOLYOKE PUBLIC LIBRARY

אין זאַמד וואָס אין די וויסטע גליהט
זי איהרע אייער בריהט
נ'האָט קיין פאַרשטאַנד ניט צו באַקלערען
דאָס זיי צוטראָטען קענען ווערען,
דרום האָט זי ניט פון דעם קיין שרעק:
ווען ס'קומט די צייט פליהט זי אַוועק
אין לאַכט זיך אויס פון פערד און רייטער
און פליהט גאַנץ רוהיג ווייטער, ווייטער...

האָסט פאַר'ן פערד זיין קראַפט באַרייט,
זיין האַלז מיט שעהנקייט האָסט באַקליידט?
טאַנצט ער פאַר דיר ווי אַ היישריק אום
און הערען לאָזט גאַנץ הויך זיין ברום
און גראָבט מיט אומגעדולדט די ערד
און לויפט מיט אימפעט געגען שווערד,
עס רוישען פיילען איהם אַנטקעגען
עס קלינגט דער שפיז, עס בליצט דער דעגען,
ער הערט דעם טראָמפּעט, ר'פליהט אין שלאַכט
און צייגט מיט שטאָלץ אַרוים זיין מאַכט?

פון דיר דער סאָקאָל ווערט באַגלייט
ווען ער נאָך זיד די פליגלען שפּרייט?

האָסט דו דעם אָדלער דען באַפעהלט
ווען ער זיין נעסט גאַנץ הויך אויפשטעלט? —

פון הויכען פעלז ער אַלץ באַקוקט
און וואָס ער טרעפט נאָר גלייך פאַרצוקט,
די יונגע זיינע זויפען בלוט,
און וואו נאָר טויטע דאָרט ער רוהט.

ווילסט, מענש, צושטערען גאָטעס רעכט
אום דו זאָלסט בלייבען ריין, גערעכט ?
קענסט גלייכען זיך אין קראַפט מיט איהם,
קענסט דו אויך דונערען מיט דיין שטים ?
פּרוביר : קלייד דו מיט שטאָלץ זיך אָן,
טו מיט ערהאַבענהייט זיך אָן,
פאַרשפּרייט דיין צאָרן, צייג דיין גרים
זאָל'ן שטאָלצע שרעקען זיך פאַר איהם,
זאָלען גאָטלאָזע פאַר דיר זיך בייגען,
ביז צו דער ערד טו זיי איינבייגען,
אָן דאַן וועל איך אַליין דיר לויבען :
דיך האָט דיין שטאַרקע האַנד ערהויבען.

אָה זעה, באַטראַכט דעם וואַסער פערד :
ער ווי אַ רינד עסט גראָז פון ד'ערד,
זיין קראַפט אין זיינע לענדען ליגט,
וו'אַ צעדער-בוים זיין עק ער וויגט,
ווי אייזען שטאַרק איז זיין געביין,
זיין יעדער אָדער ז'הארט ווי שטיין,
דער ערשטער ז'ער פון גאָט באַשאַפען,

איהם טויטען קען נאָר גאָטעס וואפען,
אויף הויכע בערג ער זיך ערנעהרט
צוזאמען מיט די ווילדע הערד
ער ליגט אין שאָטען אָהן זאָרגען,
אין וואסער ראָרען איז פארבאָרגען,
עס הויבט דער טייך זיך אויף און שטיגט —
איהם ארט עס ניט, ער רוהיג ליגט,
עס נעהמט דער ירדן קאָכען, זידען
ער קוקט אויף איהם און איז צופרידען,
זאָג, קענסט איהם פאנגען פרייערהייט,
זיין נאָז דורכלעכערען מיט א קייט?

און דעם לויתן האָסטו באטראכט?
האָט איהם דיין נעץ ארויסגעבראכט?
קענסט מיט א ווענדע אויף איהם לויערען
און מיט א רינג זיין נאָז דורכבויערען?

וועט אונטערטעניג ער אויפטרעטען
און שטארק ביי דיר זיך נעהמען בעטען?
וועט דען מיט דיר א בונד ער מאכען
איהם פאר דיין קנעכט זאָלסט קענען מאכען?

וועט ער דען נאָכגעבען דיין ווילען
מיט דיינע קינדער זיך צו שפילען?
קענסט איהם פאר פישפאנגער אויסוועהלען
און צווישען קויפלייט איהם פארטיילען?

זיין הויט מיט שפּיזען קענסט פאַרשטעקען
און זיין קאָפּ מיט פישער האַקען?
געה געגען איהם און צייג דיין מאַכט —
הער אויף! אָה היט זיך פאַר די שלאַכט!

דעם מענשענס האַנדלונג ווערט צעשטערט:
ער פאַר זיין בליק ערציטערט ווערט.
וואַגט ער מיט איהם אין שלאַכט דען געהן? —
און געגען מיר ווער קען באַשטעהן.

ווער רעכענונג נעהמען קען פון מיר,
די גאַנצע וועלט דאָך ג'הערט צו מיר! —
איך וועל אָבער דאָ ניט פאַרפעהלען
זיין גרויסקייט וייטער צו דערצעהלען:

האָט ווער זיין פּראַכטקלייד אָפּגעדעקט?
זיין דאָבעל-געביס האָט ווער אַנטדעקט?
האָט דען געעפענט ווער זיין מויל,
באַטראַכט פון זיינע צייהן דעם גרויל?

די שופּען זיינע שעהן, אַ פּראַכט
פאַרזיגעלט זיינען און פאַרמאַכט,
געפלאָכטען איינס אין צווייטען איין,
עס דרינגט דער ווינד דאָרט ניט אַריין.

ער ניסט און ליכטיגקייט זיך שפּרייט,
ער קוקט און ס׳גלאַנצט דער מאָרגען רויט,
עס שפּריצען פלאַמען פון זיין מויל,
זיך הויבען פונקען אויף אַ גרויל!

פון זיינע נעזליכער אַ רויך
ווי פון אַ קעסעל הויבט זיך הויך,
זיין אָטעם וו׳הייסע קוילען גליהט
און פון זיין מויל אַ פלאַם זיך ציהט.

זיין נאַקען רינגעלט קראַפט אַרום
און אַרום איהם דער שרעק טאַנצט אום,
זיין פליש איז האַרט, קען ניט צוגעהן,
זיין האַרץ איז שטאַרקער פון אַ שטיין.

עס שרעקען מעכטיגע זיך פאַר איהם,
פאַראירט זיי ווערען פאַר זיין גרים,
ווייל ניט קיין פאַנצער, ניט קיין שווערד
האָבען גענגען איהם אַ ווערטה.

אַזוי ווי שטרוי איז אייזען ב׳איהם,
ווי צ׳פוילטע האָלץ איז קופּער ב׳איהם,
פאַרטרייבען קען איהם ניט קיין בויגען
און קיינע שליידער שטיינער נייגען.

קאַנאָנען זיינען ב׳איהם ווי שפּריי,
עס רוישען שפּיזען — ער לאַכט פון זיי,
אונטער איהם מעגען שאַרפע שאַרבענס זיין,
ער ליגט אויף זיי און פיהלט קיין פּיין.

ער קאָכט דעם ים ווי אַ קעסעל אויף,
ער הויבט די טיפעניש אַרויף,
ער לאָזט נאָך זיך אַ העלען שטעג,
מען מיינט דער תהום ז׳א גרויע וועג...

נישטאָ אויף ד׳ערד צו איהם אַ גלייכען
מיט מוטה מיט איהם זיך צו פאַרגלייכען,
ער וויים וואָס איבער איהם פּאַסירט,
איבער אַלע טהיערען ער רעגיערט.